בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' בהר | ו' אייר | תשע"א | פסחים: נ"ג

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב', ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר אהרן הערש מיטעלמאן הי"ו, און הב' בן מוה"ר אליעזר דוד שפיצער הי"ו פון בארא פארק.

פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' חיים משה אלימלך כ"ץ הי"ו פון קרית יואל. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געגעבן א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

❧•❧

ארום 1:30 נאכמיטאג איז דער רבי שליט"א ערשינען אין היכל הישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געזאגט דעם דרשת פתיחת הזמן פאר די תלמידי הישיבה.

❧•❧

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אל הקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א אין וויליאמסבורג פון 8:30 ביז 11:00 אזייגער אין אווענט בביתו נאוה קודש אויף היוז סט.

❧•❧

## לעידי'ס אקזילערי פארטי אין וויליאמסבורג

טויזענטער נשים צדקניות פון וויליאמסבורג האבן זיך נעכטן באטייליגט ביים יערליכען סקול שליסינג פארטי וועלעכער איז ארנזשירט געווארן דורך די לעידי'ס אקזיעלערי שע"י מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג.

דער פארטי איז פאהרגעקומען אין די זאלן פון ראוז קעסטל ווי די חשובע פרויען שתחיו האבן מחזק געווען אונזערע הייליגע מוסדות אין וועלכע עס ווערן נתחנך די טויזענטער תלמידים ותלמידות כ"י לתורה ויר"ש.

❧•❧

## רופא חולים דינער אין וויליאמסבורג

היינט נאכט וועלן זיך הונדערטער אנשי שלומינו ציילן צווישן די טויזענטער משתתפים ביים דינער פון די וועלט בארימטע און הייליגע מוסד "רופא

חולים" אין די זאל פון עטרת אברהם ווי א גאהר רייכער פראגאם ערווארט דעם ציבור.

## היינט נאכט: מסיבה לטובת מבצר הכוללים אין קרית יואל, אין לאנדאן

ווי שוין באריכטעט ווילט אין די טעג אין לאנדאן הגה"צ ר' העניך אשכנזי שליט"א חדב"ן, ורב ביהמ"ד אבני צדק אין קרית יואל, וועלכער איז געפאהרן ספעציעל צו מגבית וועלכער קומט דארט אצינד פאהר לטובת די מבצר הכוללים ד'קרית יואל.

א שיינער שבת איז געפראוועט געווארן מיט'ן חשוב'ן גאסט שליט"א בתוככי קהלתינו הק' אין לאנדאן, און אין די טעג איז דער רב שליט"א ארומגעגאנגען באזוכן ביי רבני העיר שליט"א.

היינט נאכט קומט אי"ה פאהר דער מסיבה אין שטוב פון מוה"ר אליעזר לעוו הי"ו, ווי א שיינע פראגאם און ווערטפולער גורלות ערווארטעט דעם ציבור משתתפים.

## יערליכע מסיבה אין בארא פארק לטובת כולל למצויינים ויואל משה אין ירושלים עיה"ק

אין די טעג קומען פאהר די טעטיגע הכנות צו די יערליכע אקציע לטובת די בארימטע כולל למצויינים ויואל משה לצדקת ר' מאיר בעל הנס, וועלכער קומט אי"ה פאהר דעם קומענדיגן וואך מאנטאג אין בארא פארק.

היי יאהר – צוליב די גרעסערע פארלאנג אין נתינות אין וועלכען די הנהלת הכולל נויטיגט זיך אצינד - וועט דער מסיבה געפראוועט ווערן אויף א גרעסערן פארנעם, און צו דער געלגנהייט וועט זיך אי"ה פערזענליך משתתף זיין הגה"צ אבד"ק דקהלתינו ב'וויליאמסבורג שליט"א וועלעכער וועט אי"ה אויפטרעטן.

אנשי שלומינו אין בארא פארק נעמען אויף אין די טעג בסבר פנים יפות דעם מסי"נ מנהל הכולל הרה"ח ר' שמואל זאנוויל פויגעל שליט"א וועלכער קלאפט אצינד אהן אין די טירן פון נגידים בעם.

*-הכונו למסיבה!-*

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**